# פרשת ויקהל

## בס"ד. משיחת פורים ה'תש"מ

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

תורת אמת זאגט אז חייב אדם לומר בשבילי נברא העולם, און דערנאך זאגט מען נאכמערער: אז למה נברא האדם יחידי [ווארום אזוי האט דאך געדארפט זיין אין אן אנדער אופן — נאר פארוואס איז נברא יחידי] — כדי אז א איד בסוף כל הדורות זאל וויסן אז ער איז אן עולם מלא, און אזא מין אופן עולם מלא פונקט ווי אדה"ר!

און עד כדי כך — אז דאס וואס ער זאל דאס וויסן, האט דאס געווירקט אז דערפאר איז אדה"ר נברא יחידי!

די כוונה אבער איז, בשעת ער טרעפט זיך מיט א צווייטן אידן, איז דאס ניט אז ס'זאל ח"ו בלייבן פאנאנדערגעטיילט צוויי באזונדערע אידן,

נאר בדוגמא ווי מ'לערנט אפ פון דער שיעור חומש פון היינטיקן טאג —

אז די מצוה איז אז מ'זאל געבן — "כי תשא את ראש בנ"י" — אז מ'זאל געבן דוקא א מחצית השקל,

וואס דאס איז לכאורה היפך פון כל הנהגה אין קדושה אז ס'דארף זיין דוקא א דבר שלם, און דוקא פון שמן ויפה ונאה — דאס דארף מען געבן לקדושה,

און דא זאגט מען אז "העשיר לא ירבה והדל לא ימעיט" — מ'דארף געבן דוקא א האלבע זאך?

וואס כמבואר בכ"מ, סיי אין מוסר סיי אין קבלה און סיי אין חסידות, און אויכעט אין נגלה, אז דאס איז מדגיש אז ווען איז א איד א גאנצער ווען ער קומט צוזאמען מיט א צווייטן אידן, און ניט זיי בלייבן צוויי באזונדערע זאכן, איז דאס צוויי באזונדערע האלבע זאכן,

נאר ווען זיי לייגן זיך צוזאמען, ווערט פון דער מחצית השקל ווערט א שקל שלם, און ווי ער זאגט אין פסוק ס'ווערט א "שקל הקודש", דאס ווערט א הייליקע מציאות, א הייליקע זאך.

וואס אע"פ אז אפי' נאך דער פגישה און אפילו נאכן צוריידן זיך, איז אויכעט אין דיעותיהם שוות, ווי מ'זעט דאס בפועל —

איז דאס אבער ניט נוגע — "האמת והשלום אהבו", בדוגמא ווי די גמ' זאגט דאס בהמשך אז אע"פ וואס ב"ש אוסרין און ב"ה מתירין, זיינען זיי געווען אין אן אופן פון "האמת" — יעדערער האט זיך געהאלטן ביי זיין דיעה, ווארום במצבו ומעמדו ע"פ שכלו, אט דאס איז דער אמת זיינער, אין לו לדיין אלא מה שעיניו רואות.

ביחד ע"ז איז דאס געווען אין אן אופן — מיט דער אמת צוזאמען "והשלום", און ביידע זאכן זיינען געווען אין אן אופן פון "אהבו", ניט דערפאר וואס אימיצער נויט אים, אדער ער האט דערפון א תועלת צדדית, דאס איז מצד דערויף וואס דאס איז א אהבה אמיתית וואס אן אהבה איז אויכעט מאחד הפכים.

ואדרבה: וואו זעט זיך אן אמיתית האהבה,



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת ויקהל

וועו צווייעו וואס זיי זיינעו פון די זעלבע השקפה און די זעלבע הנהגה און זעלבן חינוך, און זיי האבן ניט מלחמה צווישן זיך איז דאס נאך ניט קיין ראי' אז ביי זיי איז א תוקף של שלום און תוקף האהבה.

בשעת מ'זעט אז אע"פ אז איינער איז פון יששכר און דער צווייטער איז פון זבולון, און איינער איז פון "ראשיכם" און דער צווייטער איז פון "שואב מימיך", און אעפ"כ זיינען זיי אין א מעמד ומצב פון "אהבו", איז דעמאלט איז דאס א הוכחה אז דאס איז א אהבה אמיתית, און דאס איז פארבונדן מיט תורת אמת, און אמת איז ניט שייכות אין דערויף קיין שינויים, דאס איז א ענין של אהבה של קיימא.

בדוגמא ווי אויך נרמז אין דער ווארט "אמת", ווי ער זאגט אין ירושלמי, אז דאס איז תחלתן של אותיות, און דער מיטן פון אותיות און ביז דעם לעצטן אות פון דעם גאנצן אל"ף-בי"ת, און זיי אלע צוזאמען ווערן נתחבר, און ס'ווערט דערפון איין ווארט, אט דאס איז א הוכחה אז דאס איז א ענין של אמת, ניט שייכות אין דערויף קיין שינויים דערפאר וואס ס'האט זיך אויסגעגליכן און צוזאמענגעבראכט דעם ראש און דעם אמצע מיט'ן סיום וסוף וחותם.

וואס עד"ז ווי ס'איז דא אט דער לימוד פון דער מגילה, ווי כאמור לעיל, די תורה פון בעש"ט, אז ס'איז ניט הקורא למפרע וואס דעמאלט איז לא יצא,

—נאר ער לייענט די מגילה, און דאס לייענט ער איצטער אין זמן הזה, און ער לעבט דאס איבער בזמן הזה, און לערנט אפ דערפון אין זמן הזה.

אויב דאס איז על כל הענינים העיקריים שבמגילה איז דאך אז ס'איז געווען דער תקפו, פארוואס איז געווען דער תקפו של נס—דערפאר וואס מ'האט געזאגט "לך כנוס את כל היהודים וצומו עלי", און דורך די תפילה להקב"ה האט מען גע'פועל'ט דער ביטול הגזירה און דער נצחון גדול, ביז אין א אופן פון "ונהפוך הוא".

ווי אזוי האט מען געקענט פועל זיין "לך כנוס את כל היהודים", אז די אלע אידן זאלן שטייען אין דעם זעלבן כינוס, אין דעם זעלבן מעמד ומצב, סיי די אידן וואס נהנו מסעודתו של אותו רשע, ביז אין די אידן אין תכלית השלימות—מרדכי אליין איז דאך אויך געווען אין דער כלל פון יהודים וואס "וצומו עלי", "וגם אני ונערותי אצום כן"—אסתר המלכה אויך בתוכם.

—איז דאס דורך דערויף וואס "הגידו לו את עם מרדכי", מ'האט דאס געזאגט ביז וואנענט אז מ'האט דאס אויך דערהערט אין גאס ביי ניט אידן, אז "עם מרדכי" איז אין א אופן וואס "לא יכרע ולא ישתחוה".

בשעת ס'רעדט זיך וועגן "דעותיהם" אין אן אנדער ענין, קען זיין פארשידענע ערליי דיעות—ס'רעדט זיך וועגן אכילת סעודה איז קען אויף דערויף זיין פארשידענע הנהגות,

בשעת ס'רעדט זיך וועגן יכרע און ישתחוה—איז וויבאלד אז מ'געהערט צו "עם מרדכי" איז דעמאלט איז "לא יכרע ולא ישתחוה"!



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.